**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 04/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שיקט בריוו צו הויעך שולע סיניערס וואס מוטיגט סטודענטן צו ענדיגן די FASFA

***דורכאויס די נאציאנאלע FASFA וואך פון פריט, בריוו צו ווערן פארטיילט צו הויעך שולע סיניערס און הויעך שולע פרינסיפעלס, שטיפענדיג צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט איז #FASFAגרייט***

***טייל פון פינאנציעלע הילף באוויסטזיין מאנאט קאמפיין צו פארזיכערן אז בארעכטיגטע סטודענטן האבן צוטריט צו פינאנציעלע הילף***

גאווערנער קעטי האקול האט געמאלדן היינט אז בריוו **וועלן ווערן פארטיילט צו הויעך שולע סיניערס זיי צוזושטעלן מיט בייהילפיגע טיפס און רעסארסן צו פארענדיגן די אומזיסטע** אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף (Free Application for Federal Student Aid, FASFA). בריוווועלן אויך ווערן געשיקט צו הויעך שולע פרינסיפעלס, זיי שטיפענדיג צו פארזיכערן אז יעדער סיניאר סטודענט האט די רעסארסן נויטיג צוצוקומען צו פינאנציעלע הילף. די בריוו זענען א טייל פון פינאנציעלע הילף באוויסטזיין מאנאט, וואס גאווערנער האקול האט אנגעהויבן אנהייב דעם מאנאט.

"צופיל מאל באמערקן נישט ניו יארקער סטודענטן די פולע מעגליכקייטן פון פינאנציעלע הילף וואס איז פארהאנען פאר זיי צו העלפן דעקן די קאסטן פון העכערע בילדונג," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "אלץ א טייל פון פינאנציעלע הילף באוויסטזיין מאנאט, מיין אדמיניסטראציע לאזט זיך ארויס צו הויעך שולע סיניערס און פרינסיפעלס צו פארזיכערן סטודענטן ענדיגן די FASFA און האבן די רעסארסעס נויטיג צוצוקומען צו פינאנציעלע הילף צו ווייטער גיין מיט זייער בילדונג."

פאריאר, ניו יארק'ס הויעך שולע סטודענטן האבן איבערגעלאזט איבער $200 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע הילף נישט געקלעימט דורך נישט אויספילן די FAFSA. די FAFSA איז אומזיסט, און עפענט די טיר צו פעדעראלע און סטעיט הילף, אריין גערעכנט טאוישען הילף פראגראם און עקסעלסיאר סקאלארשיפ, אזוי אויך אנדערע קאלעדש געלטער עווארדס. יאר נאך יאר, FASA סאבמיסיע ראטעס זענען נידריג 24 פראצענט אין ניו יארק סטעיט.

סטודענטן און זייער פאמיליעס זענען געמוטיגט צו גיין צו די [https://www.hesc.ny.gov/fafsaready](https://www.hesc.ny.gov/fafsaready)צו לערנען איבער געשעהנישן און אינפארמאטיווע סערוויסעס אין זייער געמיינדע. סטודענטן קענען אויך נאכפאלגן #FASAREADY צו הערן פון יעצטיגע קאלעדש סטודענטן.

פירער איבער די ניו יארק סטעיט העכערע עדוקאציע סערוויסעס קארפארעישען (Higher Education Services Corporation, HESC), סטעיט יוניווערזיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY), סיטי יוניווערזיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY) און אקאדעמישע און געמיינדע ארגענעזאציעס אין ניו יארק שטעלן זיך צאם מיטן גאווערנער אין איר קאמפיין צו פארזיכערן אז ניו יארקער נעמען יעדער געלעגנהייט צוצוקומען צו די געלטער פאר קאלעדש.

יעדער אינסטיטוטיע גייט ווייער מיטן אפהאלטן מולטיפאלע געשעהנישן דעם מאנאט צו העלפן סטודענטן און זייער פאמיליעס ענדיגן די FASA אדער די חלום אקט, און טואישען הילף פראגראם ( Tuition Assistance Program, TAP) אפליקאציעס. געשעהנישן נעמען אריין אינפארמאטיווע סעסיעס אויף ווי אזוי אויצופילן פינאנציעלע הילף פלענער, ווירטואלע אריינפאלן געלעגענהייטן זיך צו פארבינדען מיט HESC, SUNY און CUNY עקספערטן און דיסקוסיעס איבער סקאלערשיפ געלעגענהייטן פאר סטודענטן. א פולע סקעדשול פון געשעהנישן קען מען טרעפן דא.

אלץ א טייל פון די גאווערנער'ס 2024 סטעיט פון די סטעיט, זי האט געמאלדן איר פלאן צו פאדערן גראדוירענדע הויעך שולע סיניארס אויסצופילן די FASFA פארם'ס צו שטיצן ענדיגן ראטעס. סטודיעס ווייזן אז סטודענטן וואס ענדיגן די FAFSA זענען מער ווארשיינליך צו גיין צו קאלעדש. ספעציפיש, 90 פראצענט פון הויעך שוחלע סיניארס וואס ענדיגן די פארם גיין צו קאלעדש דירעקט נאך גראדוירן, אין צוגלייך צו נאר 55 פראצענט פון סיניארס וואס פילן נישט אויס די הילף אפליקאציע.

**SUNY טשענסעלער דשאן ב. קינג דשוניאר האט געזאגט,** "גאווערנער האקול שלאגט זיך צו פארזיכערן ניו יארק'ס הויעך שולע סיניארס ענדיגן די FAFSA אפליקאציעץ די בריוון וואס ווערן ארויס געשיקט צו הויעך שולע סטודענטן און פרנסיפעלס זענען נאך א טריט די גאווערנער נעמטף דורך פינאנציעלע באוויסזיין מאנאט, צו מאכן זיכער אז יעדער גראדוירענדע סיניאר ווייסט ווי אזוי צו ענדיגן די FAFSA אפליקאציע און טוט אזוי.  SUNY טוט ווייטער אפערירן מולטיפעל אין-פערזאן און ווירטואלע פינאנציעלע הילף סעסיעס צו טרעפן סטודענטן וואו זיי זענען, אז זיי זאלן לערנען איבער די פינאנציעלע הילף זיי זענען בארעכטיגט צו באקומען, און מאכן די אפמאך צו ווייטער גיין צו קאלעדש, ווייטערן זייער בילדונג און פארבעסערן זייער לעבן."

**CUNY טשענסעלער פעליקס ווי. מאטאס ראדיריגועז האט געזאגט,** "אונז שעצן שטארק גאווערנער האקולס פרא-אקטיווער און פערזענליכע שריט צו העכערן באוויסטזיניגקייט איבער די וויכטיגקייט פון FAFSA  ענדיגן היי יאר. CUNY וועט ווייטער ארבעטן בשותפות מיט די גאווערנער און סטעיט בילדונג פירער צו פארזיכערן אז יעדער פראספעקטיוווער און צוריק-קערענדע סטודענט האט די רעסארסן און שטיצע צוצוקומען צו די פולע אויסווייל פון פעדעראלע און ניו יארק סטעיט פינאנציעלע הילף, אז זיי זאלן קענען אנקומען אויף קאמפוס אין סעפטעמבער צוגעגרייט אויסצונוצן יעדער געלעגענהייט העכערע בילדונג קען זיי צושטעלן."

**העכערע בילדונג סערוויסעס קארפארעשען פרעזידענט דאקטאר גילערמא לינארעס האט געזאגט,** "איך בין גאר שטארק דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אינטערשטריכן די קריטישע ראלע וואס ענדיגן FAFSA שפילט אין אויפעפענען די טירען צו העכערע בילדונג פאר אונזערע סטודענטן.איר עפארטן צו פארזיכערן סטודענטן ענדיגן די FAFSA אדער חלום אקט אפליקאציע שטימט מיט HESC'ס מיסיע צו שטארקן און שטיצן אינגע געלערנטע אין אויספירן זייער אקאדעמישע אספיראציעס. צופיל פינאנציעלע שטיצע בלייבט אומגעפאדערט יעדעס יאר, און אונזער קאלעקטיווע עפארטן קענען באדייטענדט אויזען די צוקופנט פון טויזענטער סטודענטן איבער ניו יארק סטעיט."

ניו יארק סטעיט ארבעט צו פארבעסערן די FAFSA ענדיגען סטאטיסטיקס דורך טרענירן קאלעדש סטודענטן צוצושטעלן אין-פערזאן הילף מיט די פינאנציעלע הילף אפליקאציע פראצעס.

SUNY און CUNY האבן גענומען אפאר טריט צו העלפן סטודענטן און זייער פאמיליעס אין זיך איינשרייבן פאר פינאציעלע הילף צו מאכן קאלעדש מער עפארדעבל, אריינגערעכנט:

- אפשטיפן דיפאזיט דעדליינס ביי סטעיט אפעררייטע קאמפוסעס ביז נישט פריער פון מעי 15 און יוני 1 פאר קאמיטמענט טאג ביי CUNY קאמפוסעס, אזוי אז פאמיליעס האבן צייט צו מאכן אן אינפארמירטע אפמאך מיט זייער פינאנציעלע הילף אנבאטן
- FASA אינפארמאציע סעסיעס איבער די סטעיט, אריינגערעכנט FAFSA ענדיגן געשעהנישן אין ראטשעסטער, באפעלא, יאנקערס און ניו יארק סיטי.
- ווירטואלע FAFSA ענדיגן ווארקשאפס, געהאלטן אין ענגליש און ספאניש צו העלפן פאמיליעס ענדיגן די FAFSA
- ארבעטן מיט סטעיט שותפים צו דיוועלאפן און פראמאטירן אנליין רעסארסן אריינגערעכנט פרינט-גרייטע רעסארסן פאר קאנסעלארס און סטודענטן זיי צו העלפן דורך די פינאנציעלע הילף פראצעס; און
- די ארויסשטעל פון די SUNY FAFSA ענדיגן קארפס ; אן אמעריקארפס געשטיצטע פראגראם וואס העלפט באלד 50 SUNY סטודענטן וואס דינען אלץ נאנט-פריינט מענטארס צו העלפן סטודענטן ענדיגן די FAFSA.
- די ארויסשטעל פון CUNY פינאנציעלע סאפארט טיעם ( Financial Aid Support Team, FAST) פריער דעם מאנאט צו העלפן 100,000 סטודענטן ענדיגן די FAFSA. די פעטריע פאונדעישען האט געשאנקן CUNY $1 מיליאן דאלאר פאר דעם אינצאטיוו.
- העלפן הויעך שולע סטודענטן ענדיגן FAFSA פארמס דורך CUNY's K16 איניצאטיוו קאלעדש און קאריערער ראטען פראגראמען
- CUNY האט געשיקט אימעילס צו יעצטיגע CUNY סטודענטן און הערבסט 24 אפליקאנטן איבער טוישונגען צו די פארם און ארויסגעשטעלט א סאושעל מידיע קאמפיין. די יוניווערזיטעט וועט אויך האלטן FAFSA ענדיגן ווארקשאפס מיט אדמיסיעס. ווארקשאפ דאטומען וועלן ווערן ארויפגעשטעלט דא.
- CUNY קאמפוסעס האבן פארמערט פינאנציעלע הילף ווארקשאפס און ענדיגן געשעהנישן א גאנצע פרילינג און האבן אויסגענוצט פעדעראלע ארבעט שטודיר געלטער בשותפות מיט די נאציאנאלע שותפות פאר סטודענטן סוקסעס אויפצונעמען סטודענטן צו שטיצן פינאנציעלע הילף אפיסעס. די יוניווערזיטעט וועט אויך האלטן FAFSA ענדיגן ווארקשאפס מיט אדמיסיעס. ווארקשאפ דאטומען וועלן ווערן ארויפגעשטעלט דא.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וועלכע פייערט זיין 75'טן יערטאג דעם יאר, איז די גרעסטע פולשטענדיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארק'ערס וואוינען אינערהאלב 30 מיילן פון איינע פון די SUNY's 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט און ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן איף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2023, אריינרעכענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט www.suny.edu.

**איבער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק**

[די סיטי יוניווערזיטעט פון ניו יארק](#) איז די פאלק'ס גרעסטע ארבאן פאבליק יוניווערזיטעט, א טראנספארמאטיווע טרייבקראפט פון סאציאלע מאביליטי וואס איז א קריטישע טייל פון די לעבענבלוט פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרונדעט געווארן אין 1847 אלץ די לאנד'ס ערשטע פרייע פובליק מוסד פאר העכערע בילדונג, און עס האט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדזשעס, 11 סיניאָר קאלעדזשעס און זיבן פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס אדער אזעלכע וועלכע גיבן העכערע דעגריס פארשפרייט איבער ניו יארק סיטי'ס פינף בארואס, דינענדיג מער פון 225,000 בעטשעלאר און מעסטערס דעגרי סטודענטן און פארטיילנדיג 50,000 דעגריס יעדעס יאר. CUNY'ס געמיש פון קוואליטעט און אפארדעביליטי טרייבט ארויף כמעט זעקס מאל אזוי סאך סטודענטן מיט נידעריגע איינקונפט ארויף צו די מיטעלע קלאס און העכער מער פון אלע 'אייווי ליגע' קאלעדזשעס צוזאמען. מער פון 80 פראצענט פון די אוניווערסיטעט'ס גראדואירטע בלייבן אין ניו יארק,ביישטייערנדיג צו יעדע געביט פון די סיטי'ס עקאנאמישע, בירגערליכע און קולטורישע לעבן, און זיי מאכן די סיטי'ס ארבעטסקראפט מער פארשידנארטיג אין יעדע אינדוסטריע. CUNY'ס גראדואירטע און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע אנגעזעהענע באערונגען, אריינרעכענענדיג 13 נאבעל פרייזעס און 26 מעקארטור "דזשיניוס" גרענטס. די אוניווערסיטעט'ס היסטארישע מיסיע זעצט פאר ביזן היינטיגן טאג: צו צושטעלן א פובליק בילדונג פון די העכסטע סטאנדארט פאר אלע סטודענטן, אפגעזעהן פון זייערע מיטלען אדער הונטערגרונט. באזוכט [www.cuny.edu](http://www.cuny.edu) צו לערנען מער.

**איבער די ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט**

די העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט (Higher Education Services Corporation, HESC) איז ניו יארק סטעיט'ס אגענטור פאר פינאנציעלע הילף פאר סטודענטן און איז א נאציאנאלע פירער מיטן צושטעלן נויט-באזירטע גרענט און סקאלערשיפ געלטער פאר סטודענטן וואס גייען אין קאלעדזש. ביי HESC'ס פונדאמענט זענען מער פון צוויי דאזען גרענט, סקאלארשיפ און חוב פארגעבונג פראגראמען , אריינגערעכנט די NYS טואישען הילף פראגראם (TAP) און די עקסעלסיער סקאלארשיפ. HESC ברענגט קאלעדזש צו ווערן א מעגליכקייט פאר הונדערטע טויזנטע ניו יארקער יעדעס יאר דורך פראגראמען פון די סארט און דורך הדרכה וואס עס גיבט פאר סטודענטן, פאמיליעס און קאונסעלארס. HESC העלפט מער פון 300,000 סטודענטן צו ערריכן זייערע קאלעדזש טרוימען יעדעס יאר דורכן צושטעלן מער פון 800 מיליאן דאלאר אין גרענטס, סקאלערשיפ און הלוואה פארגעבונג בענעפיטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)